# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן
פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

מכון טעמו וראו
גילוי רצון ה' למעשה

גליון מ"ג - פרשת במדבר תש"פ


## כלל ישראל - א קומה שלמה

מיר שטייען דא פרשת במדבר. די פרשה איז געבויעט פון 3 חלקים: געבויעט א חלק דער אויבערשטער האט געגעבן א מתנה פאר כלל ישראל אין מדבר מאכן די דגלים, סדר הדגלים. ס'איז געבויעט פון נאך א חלק, פון די לויים. יעדער איינער וואו ער שטייט, אויכעט ארום די דגלים. אין ס'שטייט אויך דא דער פדיון הלויים, וואס מ'איז פודה די בכורים מיט די לויים. קוקן קוקט אויס אז למעשה איז אונז בכלל נישט נוגע, ס'איז עפעס א זאך וואס איז געווען א מצוה לשעתו, נאר אין מדבר, אזא צייטווייליגע זאך, וואס קען מען פון דעם אריינברענגען אין אונזער לעבן היינט ביום יום לעבן אין די נקודה פון די פרשה?

### דער סדר פון די מלאכים

נאר באמת, ס'איז ידוע אז די מעשה פון די דגלים, קוקן קוקט עס אויס זייער א שיינע קעסטל, אידן שטייען ארום די משכן, אה, ושכנתי בתוכם, געוואלדיג שבגעוואלדיג. אבער - נו, און ווען ס'וואלט געווען נישט אזוי אויסגעשטעלט ס'וואלט זיך אפגעשטעלט די וועלט? נישט געפערליך. אבער, פון צווייטן זייט, ס'איז למעשה אפילו א מדרש, מ'דארף נישט צוקומען צו דעם זוהר הקדוש מיט די אלע מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיע, א מדרש וואס כלל ישראל האבן געזעהן בשעת מתן תורה דעם סדר פון די אלע מלאכים, זיי האבן געזעהן די צורה ווי יעדער מלאך, מיכאל מיט גבריאל, דער ענין פון ימין מיט שמאל מיט די גאנצע סדר, זיי האבן זיך מתקנא געווען בהם, האט דער אויבערשטער זיי געזאגט איך גיב עס אייך אויכעט. פיין.

קומט אויס, אז די ערשטע זאך היינט איז עס דא - דער סדר המלאכים. ס'איז דא אזא זאך אויף די וועלט, אבער נישט למטה. אבער קום זעהן, מ'וועט זעהן 2 זאכן פון כלל ישראל וואס איז דא היינט ביי אונז.

### אין שול א דוגמא פון די מלאכים

די ערשטע זאך, א שול. א שול איז געבויעט, איינע פון די יסודות איז אינמיטן די בימה, ס'איז דא א הויבן אן, און ארום און ארום. ס'האט עפעס א גאנצער סדר, מ'זעהט אויכעט דער מושג פון מזרח, משה ואהרן זענען געגאנגען אין די מזרח זייט פון דעם פארנט, וכו' וכו'. מ'זעהט עפעס א מעין פון דגלי מדבר. און טאקע אין שול דאווענט מען די תפילות פון די מלאכים, מ'זאגט די קדוש קדוש, די פתיחה פון דעם דאווענען, די יסוד פון דאווענען איז ווי מ'זאגט נקדישך ונעריצך כנועם שיח סוד שרפי קודש, די זעלבע זאך שטעלן אונז זיך אוועק און אונז זאגן אויכעט. אבער דאס איז נאר א קליין בחינה אין דעם מושג פון דוגמת המלאכים.

### ימים טובים - א קומה שלמה

ס'דא נאך אסאך א טיפערע נקודה, איך וועל געבן א קליין הקדמה כדי צו עס פארשטיין געשמאק.

ס'דא אזא זאך ס'דרופט זיך קומה שלימה. מ'האלט למשל יעצט די תקופה פון יום טוב, פרשת במדבר, ערב שבועות. מ'וועט פרעגן א בחור, יונגערמאן, איך פארשטיי נישט - לעבסט שוין אפאר יאר אויף די וועלט, און יעדן יום טוב, פסח זאגט מען אה, פסח, אן פסח האסטו גארנישט, א איד פסח ס'איז דער גאנצער איד. קומט צו שבועות זאגט מען דעם זעלבן ליד. ס'קומט צו סוכות, ווייטער, יעדער ווארט. און אמאל זאגט עס אן לערנען, אויף צו פיל זאכן זאגט מען אז דארט איז די גאנצע. וואס איז באמת? וואס טוהט זיך דא?

די תשובה איז זייער א געשמאקע תשובה. ס'איז געווען אמאל א איד, ל"ע ול"ע ער איז קראנק געווארן, מ'האט אים אריינגענומען אין שפיטאל, זאגט אים דער ד"ר 'אוי, דו האסט צו טוהן מיט די הארץ', נאך א פאר טעג מ'האט אים אויסגעהיילט קומט אריין צו אים דעם ד"ר און ער זאגט אים 'הער זיך איין טאמער וועסט נישט אכטונג געבן אויפן הארץ שטארבסטו. די גאנצע מעשה שטייט אויף די הארץ'. שוין ער איז אהיים. ס'איז אריבער א יאר, ער שפירט זיך נישט גוט, ער קומט אין שפיטאל, זאגט מען אים 'אוי דו האסט צו טוהן מיטן לעבער'. מ'היילט אים און דער ד"ר קומט אריין און ער זאגט אים אן, 'וועסט נישט טרינקען דאס, אלכוהול טארסטו נישט אנרירן, כל מיני זאכן, אין טאמער וועסט נישט אכטונג געבן, איז די וועלט ענדיגט זיך'. ער איז געווארן נאך עלטער, ער קומט אריין אין שפיטאל 'אוי דו האסט צו טוהן מיטן אטעם, טאמער וועסט רייכערן סיגריות אדער עפעס די וועלט שטעלט זיך אפ'. זאגט ער 'ר' ד"ר, איך מיין אז דא איז מען אביסל משובש דא אין שפיטאל, פאר א יאר צוריק זאגט מיר דער אז דא איז די גאנצע זאך, מארגן זאגט מיר איינער דא איז די גאנצע זאך. זייט מחליט א וואו איז די גאנצע זאך. איינער זאגט דער מוח איינער זאגט די הארץ'. ענטפערט אים דער ד"ר,

'זייער פשוט, א מענטש איז געבויעט פון א קומה שלימה, ס'דא אזא זאך איברים שהנשמה תלויה בהם. אמאל איז דאס דער לעבער, אמאל איז דאס די הארץ, אמאל דער מח'.

די נמשל פון דעם איז, אז דער יאר איז געבויעט פון חלקים, פסח איז א חלק שנשמה תלויה בו אין זיין חלק און אזוי אויכעט די אנדערע ימים טובים, יעדער יום טוב איז געגליכן צו א אנדער איבר פון דער מענטש וואס מיט דעם איז ער הנשמה תלויה בו, דאס רופט זיך **קומה שלימה**, א גאנצע קומה. פיין. דאס איז די שנה.

### *כלל ישראל - קומה שלמה*

די זעלבע זאך, כלל ישראל. מ'וועט נעמען א פשוט'ער משל. ביי די שבטים, וועט זיך אנרופן איין שבט, אה, ס'איז דא ועשו כולם אגודה אחת, אונז ווארטן דאך אויף שלימות, זיך האלטן באחדות. וואס א חילוק איז אין די זייט, יענע זייט, וועט צאמשטעלן אלעמען צוזאמען, וואס דארף מען אפרוקן די זאך?

וועט מען געבן א שיינער משל. ס'וועט זיין א צימער, די וואנט פון דרום וועט זאגן איך האב ליב דעם וואנט פון צפון, לאמיר שטיין צוזאמען. ווערט אויס צימער, דער צימער ווערט בטל. כלל ישראל, דארף וויסן, יעדער איינער א וואו ער איז, א וואו ער שטייט. דער פלאץ וואס איך דין דעם אויבערשטן אן דעם עקזעסטירט נישט כלל ישראל. איך דארף אכטונג געבן אויף דעם פלאץ און זיך נישט רירן. אבער מכיר זיין, אז ס'איז א קומה שלימה, און דער צווייטער וואס זיצט אין זיין פלאץ דארף זיצן אין זיין פלאץ און ארבעטן ביזן סוף. דעמאלטס - איז שוכן לשבטיו, ער ווייסט אז איך בין טאקע אין דעם שבט, איך שטיי אין די זייט, אבער ס'איז דא נאך א שבט וואס שטייט אין די צווייטע זייט און ס'וועט נישט זיין די דגלים ווען מ'וועט מאכן אלעס צוזאמען. יעדער איד דארף וויסן, ס'איז נאך דא היינט די דגלים. ער דארף וויסן א וואו ער האט זיך געהאדעוועט, ווי מ'האט אים געשטעלט, דארף ער ארבעטן ביזן סוף. אבער איינערקענען, און כדי ער זאל זיין בשלימות - איז כלל ישראל א קומה שלימה.

### *יעדער איינער מיט זיין עבודה*

ממילא איינער זאגט, א וואו מ'האט מיר געשטעלט, נאר דא. נישטא נאר דא, נישטא אלע וועלן זיין איינס. פארקערט. מיט דעם קען מען באמת היינט לעבן למטה אין די נקודה פון דער וירא ישראל שוכן לשבטיו עד היום הזה. דעמאלטס דערקענט ער איין אז כלל ישראל איז געבויעט פון 12 שבטים, און יעדער שבט האט זיין שליחות, און איך בתור מיין שבט דארף איך עס טוהן ביזן סוף, ווייל דער צווייטער שבט זאל האבן, אזוי ווי אונז זאגן דרך משל, יא די משנה, אז ער האט געזאגט פאר זיינע תלמידים, דער האט געזאגט לב טוב, שכן טוב, אזא זאך. שכן טוב הייסט אז דו זאלסט זיין יענעמ'ס שכן טוב וועט ער אויכעט ווערן פאר דיר א שכן טוב. א איד ווען ער איז מכיר אז זיין פלאץ וואס ער טוהט איז שוכן בשבטיו. ס'איז דא דער לשון וואס בלעם האט געזאגט ווען ער האט געזעהן די דגלים, האט ער געזאגט מה טבו אהליך יעקב, ראה שאין פתחיהם מכוונים, איינער קוקט נישט אריין ביים צווייטן. ער קוקט נישט וואס איז יענעמ'ס עבודה, ער טוהט זיין עבודה און ער דינט דעם אויבערשטן ביזן סוף, דעמאלטס דערגרייכט מען די נקודה פון שבטים כיום הזה.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן אונז זאלן עס איינערקענען און עס לעבן.

## הכנעה - די ריכטיגע הכנה צו קבלת התורה

אין די טעג פון ערב שבועות ווען יעדער איינער וויל זיך גרייטן צום הייליגן יו"ט, דארף זיין די ערשטע זאך די הכנה וואס די אידן האבן געטאהן פאר קבלת התורה, ווי די הייליגע חז"ל זאגן אויפן פסוק *(שמות יט ב)* "ויחן שם ישראל כנגד ההר - כאיש אחד בלב אחד", אז ס'איז געווען א גרויסע אחדות.

ווי טייטשט זיך עס אויס למעשה לגבי אונז די הכנה צו קבלת התורה, שלושת ימי הגבלה, ווי אזוי גרייטן אונז זיך צו מיטן ויחן שם ישראל כאיש אחד בלב אחד.

### *איין מענטש מיט צוויי הערצער*

למעשה אויף דעם יסוד פון גמרא אז כאיש אחד בלב אחד, פרעגט זיך א מורא'דיגע קשיא: כאיש אחד קען זיין אין צוויי לבבות? א מענטש האט איין לב. ר"ל ווען איינער האט צוויי לבבות איז דא א באוואוסטער יסוד אין טריפות 'כל יתר כניטל דמי' *(חולין נח:)* ווען מ'האט צוויי לבבות איז א סימן טריפה, ער הייסט א גברא קטילא, מ'קען נישט לעבן מיט צוויי לבבות. וואס פעלט אויס צו זאגן 'בלב אחד' אויב ס'איז כאיש אחד, איז דאך ממילא בלב אחד.

נאר ס'איז ידוע די גמרא אויפן פסוק 'ואיש נבוב ילבב' *(איוב יא יב)*, זאגט די גמרא אז פאר ווען א מענטש עסט האט ער צוויי לבבות דאס הייסט אז ער האט נישט קיין כח החלטה, ער ווארפט זיך צווישן צוויי רצונות און ווען ער עסט ווערט ער קלאהר אין זיין דעה און ס'ווערט אוועקגעשטעלט. ער באקומט איין הארץ. אזוי ווי מיר טרעפן אויך אין די גמרא *(סוכה מה:)* א לשון פון מה תמר יש לו לב אחד די זעלבע זאך ישראל האבן א לב אחד לאביהם שבשמים. יא, ס'איז פארהאן א מענטש מיט צוויי לבבות, און ס'איז דא אזא זאך לב אחד.

וואס פאסירט ווען א מענטש עסט פארוואס ווערט ער איין לב און פארדעם איז דא אין איהם צוויי לבבות. - א מענטש איז געבויעט פון א גוף - חומר, מיט א נשמה - א רוחניות'דיגע זאך. ווען דער גוף איז אפגעשוואכט האט נישט די נשמה זיין שטארקן כח, באקומט דער מענטש רצונות אויף אלע זייטן און ס'איז נישט מיושב זיינע רצונות, דער לב - דער רצון פון לב איז נישט מיושב. אז מ'ברענגט איהם אביסל עסן איז זיך מיישב דער גוף, און די נשמה ווערט בעסער באהאפטן צו דעם גוף, ער באקומט חיות האט ער א כח, באקומט ער א לב אחד.

כלל ישראל איז איין א גרויסער גוף, א קומה שלימה. די רוחניות פון די אידן, די נשמה פון כלל ישראל - איז די תורה. און ווען ער איז מקבל די תורה, ער היט די תורה, ווערט ער נשמה שבגוף. אבער נישט אלעמאל איז דאס שטארק, ווי מען טרעפט אינטערסאנט ביי קבלת התורה אז ס'ווערט אויך אנגערופן מיטן לשון "ויחזו את האלקים ויאכלו וישתו" *(שמות כד יא)*. ס'איז געווען א בחינה פון אכילה ושתיה, ס'האט זיך גוט מתיישב געווען. ממילא האבן זיי געקענט האבן א לב אחד.

### *די גאוה - זוהמת הנחש*

אבער נאך אסאך פשוט'ער, ווייל למעשה אויף דעם קען מען פרעגן א שאלה:

ריכטיג אז מתן תורה איז אזוי ווי אכילה אבער דאס איז בלויז אין דעם טאג פון מתן תורה.

אבער ס'איז ידוע די גמרא - ישראל שעמדו על הר סיני פסקה זוהמתן *(שבת קמו.)*, און ווי דער אלשיך איז מסביר אז פון ווען מ'איז נאר אנגעקומען צום בארג סיני איז שוין פסקה זוהמתן. וועט מען עס פארשטיין נאך אסאך געשמאקער.

וואס הייסט עס פסקה זוהמתן? וואס איז דאס זוהמת הנחש, ווי אזוי קומט א מענטש צו ח"ו צו זינדיגן? ווי עס איז מבואר אין אלע ספרים הקדושים איז דא איין נקודה וואס לייגט אוועק דעם מענטש און איז אים גורם צוקומען צו א חטא - דער אויבערשטער זאל אפהיטן דאס איז 'גאוה'. זוהמת הנחש רופט זיך גאוה, מ'האלט זיך גרויס. - אז מ'האלט זיך גרויס ווערט מחלוקת חס ושלום ביי אידן. ס'ווערט פירוד.

אין די מינוט וואס איז געווען פסקה זוהמתן - איז דאך נישטא קיין פירוד אין כלל ישראל, כאיש אחד בלב אחד בפועל ממש. אלע זענען צוזאמען ווייל מ'קריגט זיך נישט איינער מיטן צווייטן. מ'נעמט אראפ די גאוה. אויסגעריסן אינגאנצן די גאוה.

### די הכנה אויף שבועות מיט הכנעה

אז אונז ווילן זיך ריכטיג גרייטן צום הייליגן טאג פון שבועות. און האבן א שייכות צו פסקה זוהמתן. האבן א שייכות צו כאיש אחד בלב אחד. איז עס גאר א פשוט'ע זאך, אביסל הכנעה, אביסל טשעפען די גאוה. זיין גרייט צו הערן תורה אפי' פון איינעם וואס ס'פאסט מיר נישט אזוי, א יעדער זאל פאסטן צו לערנען מיט מיר, צו ס'איז א בחור אין ישיבה, אדער אפי' יעדער איד, ביסט אמאל אונטערוועגנס און דו קענסט זיך נישט מצמצם זיין גיי אריין אין שול, גיי צו צו וועמען דאס איז נאר און בעט איהם 'לערן מיט מיר אביסל תורה'. דאס איז כאיש אחד בלב אחד.

אמאל א קינד לערנט און ער פארשטייט עפעס נישט, שעם זיך נישט! פארשטייסט נישט א משנה גיי צו צו א אידן, מערסטנ'ס וועט דער איד דיר זאגן 'איך ווייס נישט' וועסטו גיין צו א צווייטן אידן. א בחור דארף א חברותא, זיך נישט קלייבן 'מיט דעם בחור לערן איך יא', 'מיט דעם בחור לערן איך נישט'. צו א יונגערמאן אין כולל. און סתם יעדער איד. - פסקה זוהמתן מיינט אז מ'נעמט אראפ די גאוה, און מ'איז עוסק באמת כאיש אחד בלב אחד, דאס וועט אוודאי זיין די אמת'ע הכנה צו הערן פון אויבערשטן דעם אנכי ה' אלקיך, און זוכה זיין צו קבלת התורה, לימוד התורה, ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים.

כדי דאס צו צוקומען דארף מען צוקומען צו די נקודה, צו אביסל הכנעה,דורך דעם איז מען זוכה צו דעם סוד פון די גרויסקייט כאיש אחד בלב אחד.

# די הכנה צום הייליגן יו"ט שבועות

אסאך פרעגן 'ווי קען איך באקומען א התחדשות, א געשמאק אין דעם יו"ט שבועות?'. איך זאג שוין תיקון ליל שבועות לאנגע יארן, נעשה ונשמע, איך עס מילכיג. אלעס פראוועט זיך זייער גוט, אבער דאך...

### קבלה"ת דורך א אתערותא דלתתא

די תורה אליין לערנט אונז אז ס'איז געווען שלושת ימי הגבלה, דאס מיינט אז מ'דארף זיך צוגרייטן. מ'קען נישט אריינפאלן אין יו"ט אן זיך צוגרייטן און שפירן א טעם. און נאך מער, דער סידורו של שבת, גלייך ביים אנהויב (שורש א ענף א) קאכט זייער שטארק אין די באוואוסטע קשיות אויף די פסוקים פאר קבלת התורה און ער ברענגט ארויס אז די אלע זאכן האט דער רבש"ע געטוהן כדי צו מעורר זיין די אידן זאלן זיך אנרופן נעשה ונשמע, צו מעורר זיין א אתערותא דלתתא און דורך דעם וועט קענען קומען א אתערותא דלעילא.

אתערותא דלתתא הייסט אזוי ווי ווען א מענטש וויל באקומען א שפע שמן דארף ער ברענגען א כלי, אז ס'איז דא א כלי קען מען אריינגיסן אין דעם די שמן. דער אתערותא דלתתא פון דעם איד איז אז ער גרייט צו א כלי, למשל, אז א איד גרייט זיך צו צו קבלת התורה ווערט ער א כלי מחזיק ברכה צו באקומען די תורה. ער ווערט בחינת מלכות ער ווערט א כלי צו באקומען דעם שפע. - מ'קען נישט באקומען א שפע אן א כלי. דאס רופט זיך אתערותא דלתתא. דער אויבערשטער האט צוגעברענגט פעולות - ווי דער סידורו של שבת צונעמט עס - אז ס'זאל ווערן א אתערותא דלתתא ביי כלל ישראל וועלן זיי באקומען דעם שפע. די זעלבע זאך א איד ער וויל באקומען די אתערותא דלעילא, די גרויסע השפעות וואס קומט אראפ שבועות, כדי דאס צו שפירן דארף זיין גרייט א כלי.

וועט איינער זאגן נו איז וואס ווילסטו, איך זאל לערנען למשל ערב שבועות א פאר שעה? א ודאי, ס'איז א גרויסע כלי. אבער מ'וועט גיבן נאך אסאך א געשמאקערע כלי וואס מ'זאל טוהן.

### שבועות א ראש השנה אויף רוחניות

ידוע אז שבועות איז ראש השנה אויף תורה. לאמיר נעמען די ראש השנה פון גשמיות און מ'וועט עס אריבערברענגען אויף ראש השנה פון רוחניות.

ראש השנה דארף מען נישט קיין סאך מעורר זיין א איד, ער שרייט געוואלד רבש"ע גיב מיר א שפע, גיב מיר לעבן, גיב מיר געלט, גיב מיר כבוד, פרנסה. ער לאזט נישט אפ א מינוט. וואס איז? ער ווייסט יעצט איז זיין לעבן'ס גורל, און די מינוט וואס ער ווייסט די חשיבות וואס הייסט לעבן, לייגט ער זיך אויף דער לענג און דער ברייט. ער ווייסט די חשיבות פון געלט רייסט ער איין אויף געלט. ער וועט נישט נאכגעבן קיין מינוט וואס הייסט א עת רצון אויף מאכן געלט... ער וועט נישט מוותר זיין. יעצט איז א עת רצון אויף חיים.

מיר טרעפן א אינטרעסאנטע זאך - און מיט דעם וועט מען אויכעט פארשטיין יעצט לגבי שבועות - די גמרא אין ר"ה זאגט אז טאמער חס ושלום ראש השנה האט מען זיך געפירט נישט אזוי גוט, און מ'האט פארשריבן ווייניג רעגן, אויב מ'האט שפעטער תשובה געטוהן, מ'איז געווארן ערליך - זאגט די גמרא - ווערט נישט מערער רעגן, נאר דער אויבערשטער לייגט די רעגן אויף פלעצער וואס דארט איז וויכטיג די רעגן, און ס'וואקסט און ס'דא די אלע גוטע השפעות. און חס ושלום פארקערט, שטייט אויכעט אין גמרא, אויב ראש השנה איז מען געווען פיין מ'האט אנגעשריבן זייער אסאך רעגן, און ס'איז געקומען למעשה האט מען זיך געפירט נישט גוט קומט אראפ די רעגן נאר אין מדבריות אין פלעצער וואס ברענגט נישט קיין געוויקסן ס'ברענגט נישט דעם תועלת פארשטייט זיך ס'איז שייך צורייסן א גזר דין, אבער אויף דעם דארף מען שוין איינרייסן מורא'דיגע וועלטן צו קורע זיין גזר דין.

### זיך אויסבעטן א כלי מחזיק ברכה

די זעלבע זאך שבועות, ווען אונז ווילן ביי די הכנה ערב שבועות זיך אוועק זעצן און טאקע

אפשטעלן די גאנצע וועלט, אפשטעלן אלע ביזנעס, יעדער מענטש וועט פארלעשן זיין טעלעפאן, ער וועט ארויסגיין אויף א האלבע שעה א שעה און ער גייט ווערן א כלי צום שבועות. און דעמאלטס וועט ער זיך מתבונן זיין באמת: א מינוט, ס'ראש השנה אויף רוחניות. ס'קען זיין איך וועל יעצט אויספועל'ן א גרויסער שפע פון רוחניות. ס'וועט מיר לייכטן די תורה, די מצוות ה' וועט מיר שיינען, דער 'אנכי ה' אלקיך' וועט מיר שיינען, די אמונה און בטחון וועט זיין פעסט, ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים - ס'וועט אריינגיין אין מיינע ביינער דורך און דורך. ממילא - אז ער וועט צוקומען צו דעם מסקנא - וויל ער עס אויספועל'ן. און אפילו חס ושלום ער שפירט מ'האט אים נישט אויסגעפועל'ט, ער האט נישט אזא גרויסער שפע אנגעשריבן, אבער ער וועט נאך קענען פועל'ן אז דער שפע זאל אים זיך עפענען אויף ריכטיגן פלאץ.

ווי מער א מענטש איז מחשיב רוחניות און ער ווייסט אז מ'איז דן זיין רוחניות וועט ער מער זוכן צו פועל'ן. - און טאמער ער איז נאכנישט גענוג מחשיב רוחניות, זאל ער טאקע מתפלל זיין אז מ'זאל אים דן זיין אז ער זאל פון יעצט יא אנהויבן מחשיב זיין רוחניות. ער טאר זיך פון דעם אויך נישט פארלירן. א מענטש זאגט: איך שפיר נישט קיין משיכה צו רוחניות. פארקערט, דאס גייסטו אויספועל'ן דעם שבועות, אז דו זאלסט יא שפירן. ודבק לבנו במצוותיך, ויחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך, דאס גייסטו טאקע איינרייסן דעם שבועות. נישט זאגן: איך האב סיי ווי נישט קיין שייכות איז וואס האב איך שוין צו אויספועל'ן. נאר פונקט פארקערט, גרייט צו א גרויסע כלי צו באקומען אסאך כלים. דעם שבועות קענסטו אויספועל'ן אז דער אויבערשטער וועט משפיע זיין גרויסע כלים צו קענען באקומען שפע. זאגן פארן אויבערשטן: רבש"ע, אנדערע האבן שוין צוגעגרייט כלים, זיי קענען שוין באקומען שפע, וואס וועט זיין מיט מיר. איך שריי: רבש"ע! גיב מיר סיי כלים און סיי שפע!. אבער נישט זיך פארלירן, פארקערט, בעטן נאך מערער. ממילא אז מ'שטייט נאך פאר שבועות, און מ'ווייסט דעם יסוד קען מען עס נאך אויסניצן.

באמת האבן זיך כלל ישראל אויך געגרייט מיט תפילה אויף א כלי צו קונה זיין תורה, דער רבי ר' מענדל'ע רימנוב'ער זאגט אז די הכנה פון כלל ישראל די טעג פון ר"ח סיון איז געווען אז זיי האבן געזאגט ברכת אהבה רבה, געבעטן והאר עינינו. זיי האבן געקאכט! איך ווייס נישט וויפיל טעג האט זיי געדויערט. צדיקים האט געדויערט אהבה רבה שבועות א שעה, צוויי. אהבה רבה שבועות האט אויסגעפועל'ט. זיי האבן עס שעות אויף שעות איינגעקאכט 'אהבה רבה אהבתנו ה' אלקינו' און זיי האבן אויסגעפועל'ט די זאך.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן אונז זאלן האבן אהבה רבה צו די אהבה רבה, אונז זאלן האבן אהבה רבה צו די הכנה, און די הכנה וועט זיכער זיין א כלי צו באקומען באמת די תורה ווי ס'דארף צו זיין.

### *יעדער איינציגער טאג א בחינה פון קבלה"ת*

און איך וויל אויכעט אנרירן א נקודה איינער וועט מוצאי שבועות הערן דעם גאנצן שמועס. און ער וועט זיין געפאלן ביי זיך טראכטנדיג: אוי, איך האב שוין פארלוירן. ניין. אזוי ווי מ'קען קורע זיין א גזר דין, קען א איד אויך קומען און זאגן: איך האלט שוין מוצאי שבועות, איך האב זיך נישט צוגעגרייט, איך בין געווען פארנומען, איך בין פארשלאפן דעם גאנצן שבועות איך האב אפילו נישט געזאגט תיקון. אבער דאך איך קען נאך אלץ צוקומען צו קבלת התורה. רש"י ברענגט דאך אראפ, אז די תורה דארף זיין יעדן טאג בעיניך כחדשים אזוי ווי דער טאג וואס ס'איז געגעבן געווארן. איז דאך יעדן טאג דא א נייער מתן תורה, פון דעם טאג וואס מ'נעמט זיך. אבער פארשטייט זיך אז דעמאלטס קומט עס שוין אן אסאך שווערער, צו איינברעכן און באקומען דעם שפע.

### *זיך גרייטן ריכטיג צום יו"ט מיט א שמחה*

און די נקודה למעשה, חוץ פון לערנען אלץ א הכנה צום הייליגן יו"ט, זאל זיך א מענטש אפשטעלן פון דעם ארום אין ארום, יעדער איינער לויט וויפיל צייט ער האט, די נקודה פון די הכנה פון יו"ט די כלי איז די ערנסקייט ווי אזוי מ'נעמט אויף דעם ליכטיגן ראש השנה.

א וויכטיגע נקודה וואס מ'דארף וויסן, מ'שטייט נישט פארלארענערהייט בשעת קבלת התורה. פארקערט, מיט די גרעסטע שמחה! ב"ה, מ'מאכט שהחיינו. מיר האבן דערלעבט אזא גרויסער יו"ט און מ'דארף שטארקע אמונה און בטחון - אזוי ווי נעשה ונשמע זאגט רש"י אז דער נעשה איז געווען זיי האבן בוטח געווען אין דעם אויבערשטן אז ער וועט זיי געבן א גוטע תורה, זיי האבן נישט מורא געהאט אז מ'נארט זיי אריין. די זעלבע זאך דארף מען אריינגיין מיט א שטארקע בטחון צום יו"ט, יא! אונז זענען א כלי, אונז וועלן זיכער מקבל זיין. און דאס הייסט הכנה צום יו"ט און אזוי קען מען באקומען א התחדשות. יעדן שבועות פון דאס ניי. באקומען די כוחות, און בעז"ה דערגרייכן, און באקומען דעם שפע. און בשמחה מקבל זיין דעם יו"ט ווי ס'דארף צו זיין.

טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'

כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"

**להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות**

**ניתן לפנות בכתובת אימייל:** a8426277@gmail.com

טל': 050-417-0448

## א פרייליכע מעלדונג

די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:

ארץ ישראל - 02-5368970

ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488

הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1